כ. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה פדה בשלום גו'.

* * *

כא. ס'איז דאך רגיל (אין די התוועדויות וואס זיינען מעין התוועדות זו) אפלערנען א פסוק מיט פרש"י פון פרשת השבוע פון דעם שבת העבר -

איז בהמשך צו דעם וואס מ'גייט שוין ארייך אין פ' וישלח, מ'האלט שוין אין די לעצטע רגעים פון גלות אין "חרוך אף של מקום (בעולם)", אין עקבתא דעקבתא דמשיחא, און מ'האלט ביי ארייננגיין אין א"י (אין אן אופן פון "ויפגעו בו מלאכי אלקים") צוזאמען מיט משיח צדקנו, בקרוב ממש -

איז איינער פון די פסוקים וואו עס רעדט זיך וועגן דערויף, און וואס דער פסוק איז מבטיח אז ס'וועט זיין אין אן אופן פון "ושמחת עולם על ראשם" [און ווי געוועדט פריער (בהמאמר) אז ס'זאל זיין "טועמי' חיים זכו"80 - מ'זאל שוין פארזוכן פון דער מנוחה אמיתית נאך זייענדיק אין די לעצטע טעג פון גלות] -

איז דאס דער פסוק וואס שטייט אין דער פרשה וואס מ'האט געליינט היינט אינדערפרי: "הארץ אשר אתה שוכב עלי' לך אתננה ולזרעך"81.

ברענגט אראפ רש"י די ווערטער "שוכב עלי'", און טייטשט אפ: "קיפל הקב"ה כל ארץ ישראל תחתיו, רמז לו שתהא נוחה ליכבש לבניו".

און ווי מפרשים82 טייטשן אפ, אז לכאו' איז ניט פארשטאנדיק: וואס איז די הבטחה וואס דער אויבערשטער זאגט אים צו אז "הארץ אשר אתה שוכב עלי' לך אתננה" - די ארץ וואס "שוכב עלי'" איז דאך מערניט ווי ד' אמות, וואס דאס איז דער ארט וואס גוף האדם פארנעמט?!

און דערפאר טייטשט אפ רש"י אין פשוטו של מקרא - אז "קיפל הקב"ה כל ארץ ישראל תחתיו", וואס דעמולט איז פארשטאנדיק דעם אויבערשטנ'ס הבטחה אז "הארץ אשר אתה שוכב עלי'", וואס דאס איז גאנץ א"י (ווארום ער איז געלעגן אויף גאנץ א"י), איז "לך אתננה ולזרעך" (וואס דעם פירוש זאגט רש"י אלס פשוטו של מקרא, ניט קיין עניך פון דרוש).

וואס דאס איז דאך א געוואלדיקער נס וואס מ'געפינט ניט דוגמתו בשאר המקומות - און אויף דערויף זאגט רש"י אז

- דער -

---

80) ראה לקו"ש וישלח תשל"ז ס"ב. וש"נ. 81) פרשתנו כח, יג. 82) רא"ם, גו"א ושפ"ח עה"פ.

דער נס איז געווען כדי אז יעקב אבינו זאל האבן דעם רמז "רמז לו שתהא נוחה ליכבש לבניו".

און ווי מפרשים** זיינען מסביר, אז אזוי ווי ס'איז ניט שווער צו איינעמען דעם ארט וואס "שוכב עלי'" כפשוטו, וואס דאס איז ד' אמות, וועט אזוי זיין דער כיבוש פון גאנץ א"י, וואס גאנץ א"י איז ת' פרסה אל ת' פרסה**, אז ס'וועט זיין "נוחה ליכבש לבניו" אזוי ווי ס'איז נוח כובש זיין א שטח פון ד' אמות.

כב. עפ"ז איז אבער ניט פארשטאנדיק:

א) רש"י זאגט נאר "רמז לו שתהא נוחה ליכבש לבניו" - פעלט דאך דא דער עיקר: רש"י האט געדארפט זאגן אז ס'וועט זיין "נוחה ליכבש לבניו כד' אמות", פארוואס זאגט רש"י סתם "שתהא נוחה ליכבש לבניו", און ער זאגט ניט אז ס'וועט זיין בדוגמא ווי מ'איז כובש ד' אמות?

בשעת די גמרא** זאגט "שתהא נוחה ליכבש לבניו", און טייטשט ניט אפ אז מ'מיינט "כד' אמות", איז קיין קשיא ניט - ווארום דער דרך הלימוד פון גמרא איז פאר א "בן חמש עשרה לגמרא"**, און א בן חמש עשרה קען דאס אליין פארשטיין;

ווען עס קומט אבער צו פרש"י - איז אין גמרא (וואס איז פאר א בן חמש עשרה) טייטשט אפ רש"י** "שתהא נוחה ליכבש לבניו - כד' אמות", און דוקא בפירושו אין חומש, וואס דאס הויבט מען אן לערנען מיט א "בן חמש למקרא" (צען יאר איידער מ'הויבט אן לערנען גמרא) - טייטשט רש"י ניט אפ אז ס'וועט זיין "נוחה ליכבש לבניו כד' אמות"?

ב) ע"פ האמור לעיל איז די קשיא וואס שטעלט זיך אין פסוק: וואס איז די הבטחה אז "הארץ אשר אתה שוכב עלי' לך אתננה", בשעת אז די ארץ אויף וועלכע ער ליגט איז מערניט ווי ד' אמות. אבער עפ"ז האט רש"י געדארפט מעתיק זיין פון פסוק אויך דעםווארט "הארץ", ווארום דערפון ווערט די גאנצע קשיא - איז ניט פארשטאנדיק: פארוואס איז רש"י מעתיק פון פסוק נאר די ווערטער "שוכב עלי'"?

און ווי מ'זעט טאקע אז די גמרא (וואס איז פאר א בן חמש עשרה לגמרא) ברענגט אראפ דעם גאנצן פסוק, "הארץ אשר אתה שוכב עלי' וגו'", און די גמרא פרעגט: "מאי רבותי'", ווי רש"י** טייטשט אפ: "ארבע אמות משכבו הבטיחו לחת לבניו

- (בתמי') " -

------------

83) הנ"ל. 84) פרש"י עה"פ שלח יג, כה. 85) חולין צא, ב. 86) אבות שם. 87) ד"ה שתהא - חולין שם. 88) שם ד"ה מאי.

(בתמי׳)", און אויף דערויף ענטפערט די גמרא: "מלמד שקפלה הקב"ה לכל א"י כו׳";

רש"י איז אבער ניט מעתיק דעם ווארט "הארץ", ד.ה. אז דער הכרח אויף דעם וואס "קיפל הקב"ה כל א"י תחתיו", איז פון די ווערטער "שוכב עלי׳" אליין, אן דעם ווארט "הארץ" -

און לכאו׳, לויט פי׳ המפרשים, איז די גאנצע קשיא דערפון וואס ס׳שטייט "הארץ": וויבאלד אז דער אויבערשטער איז אים מבטיח אז "הארץ גו׳ לך אתננה", איז פארוואס זאגט ער "שוכב עלי׳", ווען דער מקום אויף וועלכן ער איז שוכב איז מערניט ווי ד׳ אמות - ועפ"ז האט דאך רש"י געדארפט מעתיק זיין פון פסוק אויך דעם ווארט "הארץ"?

כג. דערנאך קומען צו נאך דיוקים - ווען מ׳פארגלייכט דאס דערמיט וואס ס׳שטייט אין אנדערע ערטער:

אין זהר[89] [וואס דער טאטע שטעלט זיך אפ אויף דערויף אין די הערות שלו[90], כדלקמן סכ"ה] ברענגט זיך די זעלבע שאלה אויף א פריערדיקן פסוק:

עס שטייט אין פסוק[91] "וה׳ אמר אל אברם גו׳ שא נא עיניך וראה מן המקום אשר אתה שם . . כי את כל הארץ אשר אתה רואה לך אתננה ולזרעך". פרעגט ער אויף דערויף אין זהר: "עד כמה חמי ב"נ תלת פרסי או ארבע או חמש פרסי, ואיהו אמר כי את כל הארץ אשר אתה רואה וגו׳"? און ער ענטפערט דארטן א תירוץ.

ווען מ׳גיט אבער א קוק אין פרש"י אויף דעם פסוק, זעט מען אז רש"י שטעלט זיך איינגאנצן ניט אויף דער קשיא, וואס לכאו׳, שטעלט זיך דא די זעלבע קשיא אזוי ווי בפרשתנו;

אמת טאקע אז ד׳ אדער ה׳ פרסה איז מערער ווי ד׳ אמות, איז דאס אבער ניט ת׳ פרסה על ת׳ פרסה - איז בשעת דער בן חמש למקרא לערנט אין פסוק אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו אברהם אבינו "כי את כל הארץ אשר אתה רואה לך אתננה", ווערט ביי אים די קשיא: זעהן זעט מען מערניט ווי ד׳ אדער ה׳ פרסה, און דא זאגט מען אים צו גאנץ א"י, ת׳ פרסה על ת׳ פרסה?

איז ניט פארשטאנדיק: פארוואס שטעלט זיך ניט רש"י אויף דער קשיא.

- כד. -

-------------

89) פרשתנו קנה, סע"ב ואילך. 90) לקוטי לוי"צ לזח"א ע׳ קיח. 91) לך לך יג, יד-טו.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

כד. ווען מ'גיט א קוק אין גמרא, זעט מען אז רש"י איז משנה דערפון וואס ס'שטייט אין גמרא, און שרייבט באופן אחר:

אין גמרא שטייט: "מלמד שקפלה הקב"ה לכל א"י והניחה תחת יעקב אבינו, שתהא נוחה ליכבש לבניו", ד.ה. כדי אז אידן זאלן קענען איינעמען גאנץ א"י אין אן אופן פון "נוחה ליכבש", האט געדארפט זיין די התחלה בזה דורך "מעשה אבות" - דורך דערויף וואס "קפלה הקב"ה לכל א"י והניחה תחת יעקב אבינו", וואס דאס האט גע'פועל'ט אז ס'זאל זיין "נוחה ליכבש לבניו".

רש"י איז אבער משנה דערפון וואס שטייט אין גמרא, און זאגט: "רמז לו שתהא נוחה ליכבש לבניו", ד.ה. ניט אז דאס וואס "קיפל הקב"ה כל א"י תחתיו" פועל'ט אז ס'זאל זיין "נוחה ליכבש לבניו", נאר ס'איז מערניט ווי אן ענין של נבואה, א רמז צו יעקב אבינו, "רמז לו", ער זאל וויסן זיין אז "תהא נוחה ליכבש לבניו".

וואס לכאו', איז איפכא מסתברא:

אין דרך הפשט, איז ווען מ'זאגט אז ס'איז געווען אזא געוואלדיקער נס, מ'האט גענומען ת' פרסה על ת' פרסה, און מ'האט דאס מקפל געווען (אונטערגעלייגט) אונטער ד' אמות,

וואס דאס איז דאך א גרעסערער נס ווי דער נס פון קפיצת הדרך, וואס קפיצת הדרך איז אויך א געוואלדיקער נס, ווי עס ברענגט זיך אראפ בכ"מ; דא איז אבער ניט געווען דער ענין פון קפיצת הדרך פון 20 אדער 100 מייל (ווי ס'איז געווען ווען אליעזר איז געגאנגען אין חרן[92]) - נאר מ'האט גענומען ת' פרסה על ת' פרסה, און מ'האט דאס צוזאמענגעלייגט אין א שטח פון ד' אמות על אמה אחת!

[וואדום מקומו של אדם איז ד' אמות על אמה אחת, ווי ס'איז פארשטאנדיק דערפון וואס דער שיעור פון א מקוה איז "אמה על אמה ברום ג' אמות"[93], וואס דאס איז דער שיעור פון "מים שכל גופו עולה בהם", און די אמה הרביעית איז "בשביל ראשו וכדי שיפשוט ידיו למעלה מראשו"[94] - דער שיעור איז אבער ד' אמות על אמה אחת].

איז בשעת מ'באטראכט זיך וויפל מאל ד' אמות על אמה א' איז דא אין ת' פרסה על ת' פרסה, און דערנאך זאגט מען אז מ'איז קופל ת' פרסה על ת' פרסה אין א שטח פון ד' אמות על אמה אחת, זעט מען אז דאס איז אן ענין וואס איז שלא בערך כלל.

- איז -

------------

92) דאה פרש"י עה"פ חיי שרה כד, מב. 93) יומא לא, סע"א. וש"נ. 94) תור"ה אמה - שם, ריש ע"ב.

איז אין דרך הפשט, ווערט דער הכרח צו מפרש זיין, אז דאס וואס דער אויבערשטער האט געמאכט אזא גרויסער נס, איז - דערפאר וואס אין דערויף היינגט אפ אז דער כיבוש וואס אידן וועלן איינעמען גאנץ א"י זאל זיין אין אן אופן פון "נוחה ליכבש", ד.ה. אז דאס וואס "קיפל הקב"ה כל א"י תחתיו", פועל'ט און סוף אויף אז ס'זאל זיין "נוחה ליכבש לבניו".

און אעפ"כ זאגט רש"י, אז דער פירוש איז, ניט אז דאס וועט אויפטאן אז ס'זאל זיין "נוחה ליכבש לבניו", נאר מער-ניט ווי "רמז לו שתהא נוחה ליכבש לבניו", ד.ה. כדי אז יעקב זאל וויסן אז ס'וועט זיין "נוחה ליכבש לבניו", צוליב דערויף האט מען געמאכט אזא גרויסן נס!

און דא זעט מען אז אין גמרא, דער דרך הלימוד פון דרוש וכו', ברענגט מען דעם פירוש וואס לייגט זיך מער אין פשש"מ (אז דאס פועל'ט דעם "נוחה ליכבש לבניו"), און אין פשש"מ זאגט רש"י (ניט ווי ס'שטייט אין גמרא, נאר) א פירוש וואס לייגט זיך ניט אין פשש"מ (אז ס'איז מערניט וואס "רמז לו שתהא נוחה ליכבש לבניו")?

מיט נאך כמה דיוקים, וכפי שיתבאר לקמן.

וכמדובר כמ"פ אז דער ביאור דארף זיין פארשטאנדיק צום בן חמש למקרא, אין אן אופן אז ער דארף ניט אנקומען צו מפרשי רש"י, ועאכו"כ ניט צו מדרשי חז"ל מיט רמזים וכו',

ווי ס'זיינען דא מפרשים[95] וואס פארענטפערן ווי אזוי האט געקענט זיין אזא גרויסער נס - דערפאר וואס דאס איז געווען ברוחניות העינינים וכו' - וואס דאס האלט ניט אויס לויטן כלל וואס רש"י[96] האט אליין ארויסגעגעבן, אז "אני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא".

כה. בנוגע צו די הערות אויפן זהר:

אין זהר[97] שטעלט ער זיך אויף דעם וואס ס'שטייט "הארץ אשר אתה שוכב עלי' לך אתננה ולזרעך", און פרעגט: "וכי ההוא אתר בלחודוי אבטח לי' קב"ה, דהא ארבע אמין או חמשא הוו ולא יתיר" [ע"ד קושית הגמרא אין חולין, וואס רש"י ברענגט אראפ בפרשתנו], און ער איז מבאר: "אלא בזמנא ההוא באינון ארבע אמין כפיל לי' קב"ה כל ארעא דישראל, אשתכח ההוא אתר כללא דכל ארעא".

- און -

---

95) ראה גו"א עה"פ. 96) עה"פ בראשית ג, ח. 97) שם קנו, רע"א.



הנחת הת' בלתי מוגה

ווארום דעמולט וועט מען זעהן בגלוי ווי א"י איז א "נחלת עולם", אין אן אופן נצחי, לכל בנ"י - וואס אויך איצטער האט יעדערער פון זיי א חלק אין א"י, כמדובר כמ"פ[106], אבער דעמולט וועט דאס שטיין אין אן אופן גלוי לכל העמים.

ובדוגמא ווי ס'איז געווען דער "וישקהו"[107] - ווי דער צווייטער פירוש פון רש"י אז "נשקו בכל לבו", ווארום שאר העניינים זיינען ניט קיין חידוש; דער חידוש איז אז ס'איז געווען דער "נשקו בכל לבו".

און ווי מ'זעט אויך בפשטות אז עשו האט שוין דעמולט געזאגט "נסעה ונלכה ואלכה לנגדך"[108], אז מ'זאל גיין צוזאמען - נאר יעקב האט אים געזאגט אז ער קען ניט איבערלאזן אין גלות קיין איין איד, אפי' די אידן וואס זיינען "רכים" און "עלות עלי"[109], און אז מ'וועט זיי א ביסל צוהיילן, קענען זיי שוין ניט מיטהאלטן, קען מען זיי אויך ניט איבערלאזן אין גלות,

ווארום די גאולה דארף זיין אין אן אופן אז יעדער איד און אלע אידן זאלן ארויסגיין פון גלות[110] - און צוליב דערויף איז כדאי אפהאלטן אלע אידן אין גלות, צוזאמען מיט "שכינתא בגלותא"[111], כדי אז מ'זאל קענען מיטנעמען כל אחד ואחת מישראל.

כח. און דאס וועט זיין אין אן אופן פון "נוחה ליכבש לבניו" - אנהויבנדיק דערפון ווי דאס איז לויט פירוש רש"י, אז דאס איז אין אן אופן פון "רמז לו שתהא נוחה ליכבש לבניו", און דערנאך נאכמער: לויט פירוש הגמרא, אז דאס פועל'ט און סוף אויף אז ס'זאל זיין "נוחה ליכבש לבניו" (כנ"ל סכ"ד),

וואס בשעת א איד שטעלט זיך מיט א הוקף - באקומט ער גאנץ א"י אין אן אופן אז "נוחה ליכבש לבניו".

און דאס ווערט אויפגעטאן אין אן אופן פון "ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה" (ווי ער זאגט גלייך נאך דערויף[112]), און ניט נאר אז מ'האט ניט קיינע שוועריקייטן פון אוה"ע, נאר אדרבה: "ונברכו בך כל משפחות האדמה", און ניט נאר בנוגע צו די וואס שטייען אין דער דרגא פון אברהם יצחק ויעקב, נאר אויך "ובזרעך", וואס דאס גייט אויף יעדער איד, ווארום יעדער איד איז בן אברהם יצחק ויעקב [וואס "אין

- קורץ -

------------

106) ראה שיחת מוצאי ש"פ לך לך תשל"ה סס"ו.
107) וישלח לג, ד. 108) שם, יב. 109) שם, יג. 110) ראה לקו"ש חי"א ע' 1 ואילך. 111) ראה מגילה כט, א.
112) פרשתנו כח, יד.

קורין אבות אלא לשלשה"] - זאגט מען אויף אים "ונברכו בך כל משפחות האדמה ובזרעך".

און אזוי ווי "התורה היא נצחית"[113], און "זאת התורה לא תהא מותלפת"[114] - וועט מען דאס זעהן בקרוב ממש בעיני בשר, נאך זייענדיק אין עקבתא דמשיחא, און אין עקבתא דעקבתא דמשיחא,

דורך דערויף וואס מ'וועט שטיין בתוקף אז מ'איז בני אברהם יצחק ויעקב, און מ'האט די הבטחה וואס יעדערער פון זיי און אלע צוזאמען האבן באקומען, אז "לך אתננה ולזרעך", און נאכמער: "לזרעך נתתי"[115], "כבר נתתי"[116] - מ'דארף נאר האבן אז ס'זאל שטיין בגלוי,

כן תהי' לנו, אין אן אופן פון אורה ושמחה וששון ויקר.

* * *

כט. דער ביאור אין פרש"י (בקיצור עכ"פ):

דאס וואס רש"י שטעלט זיך ניט אויף דעם וואס ס'שטייט ביי אברהם אבינו "כי את כל הארץ אשר אתה רואה לך אתננה ולזרעך" - איז דאס דערפאר וואס אין פשש"מ איז מלכתחלה ניטא קיין קשיא:

ווען א מענטש געפינט זיך אין א בית, און מ'זאגט אים אז דעם בית אין וועלכן ער געפינט זיך, וועט מען אים אפגעבן - איז אפי' ווען ס'איז א גרויסע הויז, און עס האט א סאך צימערן, און איצטער געפינט ער זיך מערניט ווי אין איין צימער, הייסט דאס ניט אז מ'גיט אים נאר דעם צימער אין וועלכן ער געפינט זיך, ווארום התחלת הדיבור איז געווען אז מ'גיט אים דעם גאנצן בית אין וועלכן ער געפינט זיך, אע"פ אז בפועל געפינט ער זיך (ניט אין דעם גאנצן בית, נאר) אין איין צימער.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז בשעת מ'זאגט "כי את כל הארץ אשר אתה רואה לך אתננה ולזרעך", ועד"ז "הארץ אשר אתה שוכב עלי' לך אתננה ולזרעך" - מיינט דאס ניט אז מ'וועט אים געבן מערניט דעם חלק פון די ארץ "אשר אתה רואה", אדער מערניט ווי דעם חלק פון די ארץ "אשר אתה שוכב עלי'" - ס'איז מערניט ווי א "סימן" מ'זאל וויסן וועגן וועלכע "ארץ" רעדט זיך דא; "הארץ אשר אתה רואה", און

- "הארץ" -

---

113) תניא דפי"ז. 114) עיקר הט' מי"ג עיקרים להרמב"ם. 115) לך לך טו, יח. 116) ירושלמי חלה פ"ב ה"א. וראה גם פרש"י עה"פ.

"הארץ אשר אתה שוכב עלי׳" - אז מ׳וועס אים געבן די גאנצע ארץ.

דערנאך קומט צו נאך א זאך (וואס איז קרוב יותר צו פשש"מ):

בשעת מ׳געפינט זיך בככר ובמישור, קען מען סאקע זעהן מערניט ווי "תלת פרסי או ארבע או חמש פרסי" (ווי ער זאגט אין זהר) [וואס דאס איז אויך נוגע צו מעשר׳ן פון איין עדר אויפן צווייטן, ווי די גמרא זאגט אין בכורות^117 אז "שיתסר מיל קא שלטא בי׳ עינא דרועה"]; ווען מ׳שטייט אבער אויף א בארג, קען מען זעהן א סאך מער דערפון וואס מ׳קען זעהן ווען מ׳געפינט זיך במישור, און וואס דער בארג איז העכער, קען מען זעהן פון דארטן א גרעסערן שטח.

וויבאלד אז אין פסוק שטייט ניט צי אברהם אבינו איז דעמולט געשטאנען אין א מקום מישור אדער אויף א הר, אויף א הר קטן אדער א הר גבוה - ס׳שטייט נאר אז דער אויבערשטער האט אים געזאגט "שא נא עיניך וראה מן המקום אשר אתה שם גו׳" - איז אין פשש"מ קען מען זאגן אז אברהם האט געדארפט געפינען א הר גבוה אין א"י, וואס פון דארטן וועט ער קענען זעהן גאנץ א"י.

[און ווי מ׳זעט סאקע בעיני בשר - אויך אין צרפת, וואס דארטן האט רש"י געשריבן פירושו - אז בשעת מ׳שטייט אויף א הר גבוה, קען מען זעהן פון דארטן א שטח הכי גדול].

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז אין פשש"מ איז ניטא קיין קשיא אויף דעם וואס ס׳שטייט "כי את כל הארץ אשר אתה רואה לך אתננה ולזרעך" - ווארום מ׳קען זאגן אז אברהם איז געשטאנען אויף א הר גבוה, וואס פון דארטן האט ער געקענט זעהן גאנץ א"י,

נוסף על האמור לעיל אז "הארץ אשר אתה רואה" איז מערניט ווי א סימן מ׳זאל וויסן וועגן וועלכן "ארץ" רעדט זיך דא - אז די "ארץ" "לך אתננה ולזרעך", ניט נאר דעם חלק פון די ארץ "אשר אתה רואה", נאר די גאנצע ארץ, און "אשר אתה רואה" איז נאר א סימן וועגן וועלכן "ארץ" עס רעדט זיך.

ל. ווען מ׳קומט אבער צום פסוק "הארץ אשר אתה שוכב עלי׳ לך אתננה ולזרעך", ווערט די קשיא - צוליב וואס דארף שטיין "שוכב עלי׳":

דער ענין פון "שוכב עלי׳", ליגן און שלאפן (אדער אפי׳

- ליגן -

------------

117) שם.

ליגן און ניט שלאפן), באווייזט אויף אן ענין וואס איז היפך ענין הכיבוש, איז צוליב וואס שטייט "הארץ אשר אתה שוכב עלי׳"?

ובפרט אז דער בן חמש למקרא געדיינקט וואס ער האט געלערנט פריער, אז נאך דערויף וואס דער אויבערשטער האט געזאגט צו אברהם אבינו "כי את כל הארץ אשר אתה רואה לך אתננה ולזרעך", האט ער איס אנגעזאגט אז ער זאל זיך ניט באגנוגענען דערמיט, נאר "קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה"[118] וואס דאס איז פארבונדן מיטן "כי לך אתננה";

און דא האט מען איס געזאגט "הארץ אשר אתה שוכב עלי׳" - וואס נוסף לזה וואס די ווערטער "שוכב עלי׳" זיינען לכאו׳ איבעריק וואָרום אין דערויף איז ניטא קיין סימן מיוחד, דער אויבערשטער האט איס געקענט זאגן "הארץ הזאת" - ע"ד ווי ס׳שטייט ביי אברהם אבינו "הארץ הזאת"[118] - איז דאס נאך א ריבור וואס איז מגביל: "שוכב עלי׳" איז היפך ענין הכיבוש, היפך הענין פון "קוס התהלך בארץ", מ׳זאגט איס ער זאל בלייבן אויפן ארט וואו ער ליגט - איז ניט פארשטאנדיק: פארוואס דארף שטיין "שוכב עלי׳"?

לא. אויף רערויף זאגט דש"י אז וויבאלד ס׳שטייט "שוכב עלי׳", דארף מען זאגן אז "קיפל הקב"ה כל ארץ ישראל תחתיו" - וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק פארוואס דארף שטיין "שוכב עלי׳", וואָרום דערמיט וויל מען זאגן אז ער איז געלעגן אויף גאנץ א"י, וויבאלד אז "קיפל הקב"ה כל א"י תחתיו".

און אזוי ווי ס׳איז געווען ביי אברהס אבינו, אז די הבטחה פון דעס אויבערשטן איז געווען פארבונדן מיט א סימן פון בעל-הבית׳שקייט, וואס דאס איז געווען דער ענין פון "קום התהלך בארץ",

אע"פ אז דער בן חמש למקרא ווייסט נאך ניט דעם דין אז מ׳קען קונה זיין ע"י הליכה וכו׳[119] - ווייסט ער אבער אז וואו קען מען ארומגיין פרייערהייד "לארכה ולרחבה", איז דאס דוקא דארטן וואו ער איז דער בעה"ב וואָרום אז ער וועט ארייננגיין אין א צווייטנ׳ס נחלה, אין א צווייטנ׳ס הויז, וועט מען איס פון דארטן משלח זיין - אויף דערויף דארף ער ניט אנקומען צו פרש"י, ער פארשטייט דאס בפשטות,

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז דער ענין פון "קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה", איז געווען א התחלה פון בעל-הבית׳שקייט -

- איז -

------------

118) לך לך יג, יז. 119) ראה ב"ב ק, א.

איז אזוי אויך בנוגע צו יעקב אבינו, אז אין דער הבטחה "לך אתננה ולזרעך", איז געווען א סימן פון בעל-הבית'שקייט - "רמז לו שתהא נוחה ליכבש לבניו":

פונקט אזוי ווי אין "שוכב עלי'" איז ניטא קיין ענין של טרחא, ער טוט ניט קיין מלאכה, ער גייט אפי' ניט ארום, ער האט זיך אוועקגעלייגט און ליגט דארטן - וועט אזוי אויך זיין דער אופן הכיבוש פון א"י, אז ס'וועט זיין "נוחה ליכבש לבניו", אין אן אופן פון "שוכב עלי'",

וואס "שוכב עלי'" איז היפך הענין פון מלחמה וכיבוש, און אפי' דער היפך פון "קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה" - ווארום ניט נאר אז ער שטייט במקומו און גייט ניט ארום, נאר אפי' במקומו שטייט ער ניט אין אן אופן פון "קום" (עאכו"כ אז ער שטייט ניט אין אן אופן פון "נצב" - אן עמידה בתוקף), נאר "שוכב עלי'", ער לייגט זיך אוועק - און דורך דעם ליגן ווערט דאס זיינע, וואס דאס באווייזט אויף בעל-הבית'שקייט, ווארום ער דארף ניט האבן קיין טרחא אז ס'זאל ווערן זיינע.

לב. ע"פ האמור לעיל איז פארשטאנדיק, אז דאס וואס מ'זאגט "שתהא נוחה ליכבש לבניו" - איז ניט דערפאר וואס דאס איז מערניט ווי "ד' אמות" (ווי רש"י טייטשט אפ אין גמרא), נאר דערפאר וואס דאס איז אין אן אופן פון "שוכב עלי'", אן קיין טרחא (אפי' ניט די טרחא וואס מ'דארף האבן אויף כובש זיין ד' אמות).

אין גמרא, וואס די גמרא פרעגט: "מאי רבותי'" וואס מ'זאגט צו אז "הארץ אשר אתה שוכב עלי' לך אתננה ולזרעך", ס'איז מערניט ווי ד' אמות - איז דער תירוץ אז ס'וועט זיין "נוחה ליכבש לבניו - כד' אמות";

בא רש"י'ן איז אבער די שאלה [ניט "מאי רבותי'", ווארום אין פשש"מ איז "אשר אתה שוכב עלי'" מערניט ווי א סימן אז מ'זאל וויסן וועגן וועלכע "ארץ" עס רעדט זיך (כנ"ל סכ"ט), נאר די שאלה איז] פארוואס שטייט "שוכב עלי'", דאס איז דאך דער היפך הענין פון כיבוש, און היפך פון "קום התהלך בארץ" -

און אויף דעריוף איז דער תירוץ, אז דערמיט איז "רמז לו שתהא נוחה ליכבש לבניו" - אין אן אופן פון "שוכב עלי'", אן קיין טרחא, כנ"ל בארוכה; און אז אזוי וועט דאס זיין בנוגע צו גאנץ א"י, ווארום דער "שוכב עלי'" איז געווען אויף גאנץ א"י, וויבאלד אז "קיפל הקב"ה כל א"י תחתיו".

לג. און אויף דעריוף זאגט רש"י "רמז לו שתהא נוחה ליכבש לבניו" -

לבניו", און ניט ווי ס'שטייט אין גמרא "קפלה הקב"ה לכל א"י והניחה תחת יעקב אבינו שתהא נוחה ליכבש לבניו", וואס דער פירוש בזה איז, אז דאס פועל'ט און סוף אויף אז "תהא נוחה ליכבש לבניו". והביאור בזה:

אין פשש"מ לייגט זיך ניט צו זאגן אז דערפאר וואס בא יעקב איז דאס געווען אין אן אופן פון "שוכב עלי'", וועט דאס אויפטאן אז ס'זאל זיין "נוחה ליכבש לבניו";

ס'איז מערניט וואס "רמז לו" - וויבאלד אז דער אויבערשטער האט געמאכט אזא נס, אז "קיפל הקב"ה כל א"י תחתיו", און דאס איז געווען אין א מעמד ומצב אז ער איז געווען "שוכב עלי'" - איז דערמיט "רמז לו שתהא נוחה ליכבש לבניו", אין אן אופן פון "שוכב עלי'".

לד. עפ"ז וועט מען פאדשטיין נאך אן ענין:

וויבאלד אז דער אויבערשטער האט שוין מבטיח געווען צו אברהם אבינו אז "כל הארץ אשר אתה רואה לך אתננה ולזרעך" - איז לכאו', וואס קומט צו אין דער הבטחה וואס ער האט מבטיח געווען יעקב'ן אז "הארץ אשר אתה שוכב עלי' לך אתננה ולזרעך"

איז דער ביאור בזה:

ביי אברהם איז טאקע געווען די הבטחה אז "כל הארץ אשר אתה רואה לך אתננה ולזרעך" - דאס קען אבער זיין אין אן אופן וואס איז פארבונדן מיט טרחא וכו', ע"ד ווי ס'איז געווען ביי אברהם אליין, אז ס'האט געדארפט זיין "קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה";

בא יעקב איז אבער צוגעקומען א מורא'דיקע הבטחה: ס'וועט זיין "נוחה ליכבש לבניו" אין אן אופן פון "שוכב עלי'", מ'וועט ניט דארפן אנקומען צו קיין ענין של טרחא, דורך דערויף וואס ער וועט ליגן דאדטן, וועט ער דארטן ווערן דער בעה"ב.

לה. דובר בארוכה אודות המצב באה"ק.

* * *

לו. דער ביאור אין זהר (ווי געזאגט פריער אז ער איז דאס ניט מבאר אין די הערות דערפאר וואס דאס איז מובן מעצמו):

אין זהר רעדט ער וועגן אברהם, וועגן יעקב, און דערנאך וועגן לאה - ווי לאה איז פארבונדן מיט לידת יהודה, "הפעם אודה את ה'", וואס ער איז דער רגל הרביעי פון דער מרכבה, און לויט איין גירסא אין זהר איז דאס אויך פאר-בונדן מיט דוד, "אתא דוד מיהודה ואשלים לכרסייא",

- און -